STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02370

DEM TAYVLS KINDER

Emile de Marchi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע מ י ל אָ ד ע - מ א ר ק י

דעם טייוולס קינדער

פון איטאַליעניש: מאַרק ראַקאָווסקי

PRINTED in POLAND

געזעצט: פ. קרימער פּולאוו, געבונדן בא א. קאמיען

EMILIO DE MARCHI

DZIECI DJABŁA

Wydaw. Sz. Jaczkowski i S-ka
Warszawa, Leszno № 27 / 59
Drukarnia „Oświata" Warszawa
Tłomackie 4. Telefon 236-02

MORRIS WINCHEVSKY LIBRARY
MONTREAL

פּערזאָנען.

די באָבע טערעזע.

מאַרושיאַ, אַ מיידעלע פון 6 יאָר.

דזוליעטאָ, אַ יונגעלע פון 10 יאָר, איר ברודער.

באַטיסטאָ, אַ זון פון פּאַוואַלטער, 10 יאָר.

פּעפּינאָ, אַן אַנדער יונגל, אין דער זעלבער עלטער.

טאַניאָ, דער גערטנער.

און נאָך אַנדערע פּערזאָנען, צווישן זיי באַרטעלאָמעאָ.

די סצענע שטעלט פאָר א גאָרטן.

אין איין זייט אַ טיש מיט ביכער און אַ טאַפל.

פאַר דער אויספירונג פון דער פאָרשטעלונג זענען

נישט נייטיק דוקא קיין טעאַטראַלישע איינריכטונגען.

עס איז גענוג אַ ווינקל שטוב, אָדער בעסער נאָך,

אַ ווינקל אין גאָרטן.

באַמערקונג: מיט ענדערונגען אין די שטימען קען מען די ווייב-
לעכע פּערזאַנען פאַרבייטן אויף מענלעכע.

ערשטע סצענע

מארוטשיאַ און די באָבע טערעזע.

מאַרוטשיאַ.

זי זיצט אויף א פיען און באטראכט וויינענדיק א לײדיק שטייגל, וואָס שטייט ביי איר אין היס.

אך! מיין אָרעם א מגליקלעך קאַנאַרעקל.

באָבע טערעזע.

מיט אַ גרויסן טשעפּטשוק אויפן קאָפּ. זי קומט טיף פון גאָרטן זוכנדיק עפּעס א זאך צווישן די קוסטעס.

אַך! מיין טאַבאַק פושקע! איך וואָלט אַ גאַנצן סקוד באַצאָלט דעם, וועלכער וועט זי געפינען.

מאַרוטשיאַ

פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט לעבן, אומגליקלעך קאַ-נארעקל?

באָבע טערעזע.

ווען איז עס געשטאָרבן, דיין קאַנאַרעקל?

מאַרוטשיאַ.

די היינטיקע נאַכט, באָבע טערעזע, עס האָט קיין פּיפּס נישט געטון.

באָבע טערעזע.

דאָס דארף זיין אַ גרויס אומגליק פאַר דיר, ווייל דו האָסט עס אַזוי ליב געהאַט. דו האָסט עס נעכטן פאַרגעסן אויף יענער זייט פענסטער, דעריבער איז עס געשטאָרבן פון קעלט.

מאַרוטשיאַ.

און אויב איך וועל עס אַנווארעמען אויפן פייער?

באָבע טערעזע.

אַז מען איז שוין געשטאָרבן, איז מען שוין געשטאָרבן אויף אייביק. (זוכט כסדר צווישן די קוסטע) איך דערמאַן מיך, אַז פאַרבייגייענדיק דאָ נעכטן, האָב איך עס נאָך געהאַט אין דער האַנט.

מאַרוטשיאַ.

נעכטן איז עס נאָך געווען לוסטיק, צופרידן, או געזונגען, אַז עס איז געווען אַ פּאָר ניגון צו הערן. אָבער היינט אין דער פרי — אַך, אַך! דאָס זעלביקע קאַנאַרעקל... איך האָב עס גע-געבן צוקער, ביסקוויט, סאַלאַט, נאָר קיין איין זאַך האָט עס נישט געוואָלט. עס איז געווען טויט.

באָבע טערעזע.

ווען עס קומט אָן די צייט, טוט מען שטענדיק קלוג, וואָס מען שטאַרבט. באַרעכן דיך נאָר, מאַרוטשיאַ; דיין קאַנאַרעקל האָט דאָך באַקומען די פרייהייט. וואָסער לעבן האָט עס געהאַט שטענדיק פאַרמאַכט צווישן די דראָטן פון דער אייזערנער שטייגן; ווער פון אונז וואָלט דאָס געקענט אויסהאַלטן?

מאַרוטשיאַ.

איך האָב דאָך עס נאָר גוטס געוווּנשן, פּונקט ווי מיינס אַ ברודער.

באָבע טערעזע.

אויב דו האָסט עס נאָר גוטס געוואונשן, האָסטו געדאַרפט אין אַ העלן פרילינגס-פרימאָרגן אויפעפענען דאָס שטייגל און זאָגן דערצו: גיי, גיי אויך דו קליינטשיק פייגעלע אין וואַלד אַריין זינגען מיט אַנדערע פייגעלעך. אַצינד איז עס שוין געקלעך.

מאַרוטשיאַ.

און דו גלייבסט טאַקע, באָבע טערעזע, אז מיין קאַנאַרעקל וואָלט אַוועקגעפלויגן זינגען אין וואַלד?

באָבע טערעזע.

ווו גייט מען, ווען מען שטאַרבט?

מאַרוטשיאַ.

אין גן-עדן אַריין.

באָבע טערעזע.

אין גן-עדן אַריין וועלן מ י ר גיין, ווען מ י ר וועלן שטאַרבן. פאַר פייגעלעך איז דער גרינער וואַלד זייער גן-עדן.

מאַרוטשיאַ.

איז דאָס אמת?

באָבע טערעזע.

קוקט אויף די פלאַנצן.

צי הערסטו, מיין קינד, דעם יום-טוב, די שמחה, וואָס הערשט צווישן די פלאַנצן?

מאַרוטשיאַ.

אַריינקוקנדיק צווישן די פלאַנצן.

און די גלייבסט, אַז די נשמה פון מיין קאַנאַרעקל וועט

זיין צופרידן אין וואַלד?

באָבע טערעזע.

געוויס יאָ! זיי דו אויך פריילעך און זוך אין די קוסטעס; אפשר וועסטו דאָרט געפינען אַ טאַבאַק-שקעטעלע. עס איז געוויס נאָך נישט אריין אין גן-עדן.

מארוטשיא זוכט אין גראָז.

צווייטע סצענע.

טאָניע, דער גערטנער, מיט אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ
און אַ שטאָק אין האַנט,
און די באָבע טערעזע.

טאָניע.

האָט איר אַלץ נאָך נישט געפונען, באָבע טערעזע?

באָבע טערעזע.

איך קלער, אַז אפשר איז מעגלעך, דער טייוול זאָל עס האָבן אַוועקגעטראָגן.

טאָניע.

וואָס קען דער טייוול מאַכן מיט אַ טאַבאַק-שקעטל. ער קען צונעמען די נשמה ביי אַ מענש, דאָס איז מעגלעך... אָבער...

באָבע טערעזע.

זייט נישט קיין אַפּיקורוס, טאָניע.

טאָניע.

דאָס איז נישט דער טייוול, נאָר די קליינע יונגלעך: דער קליינער זשולעטאָ, מיין ברויט-געבער, אָדער אייער באַטיסטאָ, וועלכע עס פעלן נישט מער ווי הערנער. זיי זענען אויף מיר

אָנגעשיקט געוואָרן, פונקט ווי אַ האָגל: אויב עס לאָזט זיך זיי פליקן זיי אויס די מאַרגאַריטקעס, רייסן אויס די פלאַנץ-ביימלעך פון די פלוימען, צעברעכן פלעטער, גנבנען, וואָס עס מאַכט זיך זיי נאָר. אָבער אַז אייער באַטיסטאָ וועט מיר אַמאָל אַריינפאַלן אין די הענט אַריין, דאַמאָלס...

באָבע טערעזע.

נישט ער אַליין, האָט איר געזאָגט.

טאָניאַ.

אָפּרעכענען קען איך מיך נאָר מיט אים אַליין. מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז די בעל-בתּישע קינדער זענען שטענדיק גערעכט איבערהויפּט, ווען זיי האָבן זיך אין עפּעס פאַרזינדיקט.

באָבע טערעזע.

ווי איר ווילט זיך, אָבער עס איז זייער נישט אָרנטלעך, אַז די אָרימע זאָלן פאַר זיי באַצאָלן; מיר אַלע דאַרפן זיך באַמיען צו באַקעמפן אונזערע מאַניערן.

טאָניאַ.

אַך, באָבע טערעזע, אויף דער וועלט דאַרף מען האָבן אַנדערע זאַכן, נישט שפּריכווערטער. מען דאַרף האָבן אויך פויסטן...

באָבע טערעזע.

איר גיט מיר גוטע אָנווייזונגען פונדעסטוועגן גיט אכטונג אויף מיין שקעטעלע, אפשר וועט עס עמעצער געפינען איך פלעג עס האַלטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווייל מיין מאַן קאַרלוסעפע האָט מיר עס געשענקט, בשעת מיר האָבן זיך פאַרלאָבט.

טאָניאַ.

וויפיל יאָר איז שוין?

באָבע טערעזע.

אך . . . מאַכט אַליין דעם חשבון: איך בין אַצינד אַלט 60 יאָר און דאַמאָלס בין איך אַלט געווען 18.

טאָניאַ.

באָבע! איר האָט אַזוי פיל טאַבאַק דאָ אויסגעשמעקט . . . אַז מען וואָלט געקענט פון אים מאַכן אַ גאַנצן גאָרטן . . .

באָבע טערעזע.

און מיט אייערע גלעזער, וועלכע איר האָט אויסגעליידיקט, וואָלט מען געקענט לאָזן אַ וואַסער-מיל.

גייט אוועק רעכטס.

טאָניאַ.

עך! עך! באָבע טערעזע מיט אייך איז זייער נישט גוט זיך צו ווערטלען: אַ קלאַפּ אָדער אַ וואָרט — געדעכט וועט איר שטענדיק בלייבן.

גייט ארויס לינקס.

דריטע סצענע.

דזוליעטאָ און מאַרוטשיאַ.

דזוליעטאָ.

קום, מאַרוטשיאַ, לאָמיר עס מאַכן אַ שיינע לויה. איך האָב איינגעלאַדן באַטיסטאָן, דעם פּאַרוואַלטערס זון, און נאָך אַנדערע קינדער פון רויטן פּאַרק. דו וועסט זען: דאָס וועט זיין אַ לויה מיט קראַנצן, אַז אַפילו דער אַבאַט וועט וויינען!

מאַרוטשיאַ.

גוט, עס וועט שוין זיין איינמאָל אַ לויה.

דזוליעטאָ.

דו וועסט זיין די אלמנה, די פרוי קאַנאַרעק, און וועסט

נאָכגיין נאָכן אָרון, מיט אַ שוואַרצן שלייער אויפן קאָפּ; דו וועסט נאָכגיין און וויינען. איך וועל האַלטן אַ פייערדיקע ריידע. איך מוז אָבער פריִער גוט אויסלערנען מיינע לעקציעס, וואָרן דער פאָטער האָט מיר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז דער וואָס לערנט נישט אויס די לעקציעס וועט קיין מאָל נישט פאָרן אין דער קאַרעטע... (לערנט) „מען דאַרף אונטערשיידן די אינזלען פון די האַלב-אינזלען און פון די בערגיקע אינזלען". נו, מאַרוטשיאַ, זאָג, וואָס איז אַזוינס אַן אינזל? לאָמיר זען צי דו ווייסט.

מאַרוטשיאַ.

איך? ניין.

דזוליעטאָ.

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז דער, וואָס ווייסט נישט וואָס עס איז אַזוינס אַן אינזל, האָט קיין רעכט נישט צו פאָרן אין קיין קאַרעטע.

מאַרוטשיאַ.

אויב אַזוי, דערקלער-זשע מיר אויך.

דזוליעטאָ.

זאָג: אַן אינזל איז אַ שטיק ערד ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וואַסער.

מאַרוטשיאַ.

און אַז מען וויל אויף אַן אינזל פאָרן אין אַ קאַרעטע?

דזוליעטאָ.

וואָס מען טוט? מען נעמט אַ שיפל. אַצינד... אויב דער טאַטע וועט דיך פרעגן, וואָס איז דאָס אַזוינס אַן אינזל, וואָס וועסטו אים ענטפערן? אָט לאָמיר הערן.

מאַרוטשיאַ.

אַ נהערציק.

אונטערן וואָרט אינזל פאַרשטייט זיך אזאַ לאַנד, ווו מען דאַרף נעמען אַ שיפל, כדי צו פאָרן אין אַ קאַרעטע.

דזוליעטאָ.

בראַוואָ! מען קען דאָרט פאָרן אויך מיט אַ שיף.

מאַרוטשיאַ.

און שיפן — וואָס איז דאָס אזוינס?

דזוליעטאָ.

אַ שיף איז אַזאַ מין שיפל, נאָר אַזוי גרויס און אזוי הויך, ווי אַ שטוב, מיט פענסטער, מיט שלאָף-צימערן, מיט עס-זאַלן, מיט אַ קך און דינסטן.

מאַרוטשיאַ.

האָסט שוין אַמאָל געזען שיפן?

דזוליעטאָ.

אין גענואַ האָב איך א סך געזען.

מאַרוטשיאַ.

און ווו געפינט זיך גענואַ?

דזוליעטאָ.

אין איטאַליע.

מאַרוטשיאַ.

און איטאַליע?

דזוליעטאָ.

דו ביסט דאָך גאָר אַן אומוויסנדע?

מאַרוטשיאַ.

איך ווייס גאָרנישט.

דזוליעטאָ.

האָסט זיך געלערנט לעזן?

מאַרוטשיאַ.

ניין.

דזוליעטאָ.

גוט, הער זיך איין: איך וועל דיך לערנען געאָגראַפיע. דו זעסט דעם שטיין?

ליגט אוועק דעם שטיין אויפן מיטן וועג.

מאַרוטשיאַ.

איך זע אים.

דזוליעטאָ.

נעם דיר אין זינען אַריין, אַז דער שטיין, דאָס זענען די אַלפּן

מאַרוטשיאַ.

איך האָב מיר שוין גענומען.

דזוליעטאָ.

ליגט אוועק דערלעבן נאָך אַ שטיין.

און דאָ איז מילאַן.

מאַרוטשיאַ.

און וווּ ליגט דער קאַטעדראַל דואָמאָ?

דזוליעטאָ.

מען זעט אַצינד גאָרנישט, ווייל עס איז נעפּלדיק. דאָ

גייט דער טייך פּאַדוס, אַ גרויסער טייך... און דאָס זענען די אַפּענינען. אינמיטן ווייטער געפינט זיך רוים, די הויפּטשטאָט פון איטאַליע.

מאַרוטשיאַ.

ווּהין דער טאַטע פאָרט שטענדיק אַלס דעפּוטאַט, און פון וואַנען ער האָט מיר נאָך קיינמאָל אַפילו קיין ליאַלקע נישט געבראַכט.

דזוליעטאָ.

אין רוים געפינט זיך דער פּויפּסט...

מאַרוטשיאַ.

און וואָס טוען די דעפּוטאַטן?

דזוליעטאָ.

דעפּוטאַטן זענען אַזעלכע מענשן, וואָס פאַרנעמען זיך אין דעפּוטאַטן-הויז מיט איינאָרדנען די וואַקאַציעס.

מאַרוטשיאַ.

אָך, וואָסערע בראַווע מענשן זיי זענען! אַ דאַנק זיי, גייסטו אַצינד נישט אין שולע, קענסט בלייבן מיט דיין שוועסטערל זיך שפּילן מיט איר און דערנאָך גיין איינאָרדענען די לויה שטילער, איך הער ווי די מאַמע רופט מיך. וואַרט נאָר, זאָג מיר נאָך אַמאָל... אַן אינזל איז...

דזוליעטאָ

אַ שטיק ערד...

מאַרוטשיאַ.

איך דערמאָן מיך שוין: ווו, אַז מען וויל פאָרן אין אַ קאַ-

רעטע, מוז מען נעמען אַ שיפל . . .

גייט אוועק.

דזוליעטאַ.

אָרים קאַנארעקל ! עס איז געווען אומוויסנד חי אַ שוויין, אָבער גוט ווי אַ קעצעלע. איך מוז מיך אַצינד פאַרנעמען מיט זיין לויה, איך מוז קלערן וועגן אַן אויפשריפט !

אַז אַן אייזל שטאַרבט,
דאַרף מען קיין אויפשריפט און קיין לוחות !
מען מאַכט פון אים קיין וועזן,
און מען שיקט אים צו אַלדע רוחות . . .

אָבער דאָס איז דאָך אַ קאַנאַרעקל, נישט קיין אייזל: וואָסערע מעלות האָט עס געהאַט ? וועלכע ? עס האָט געגעסן, געשלאָפן און געזונגען . . . און דאָס אַלעס.

ער נעמט דעם טאפל פון טיש, און שרייבט.

ד אָ ר ו ט אַ ק אַ נ אַ ר ע ק ל,
אַ ז י נ ג ע ר א י ב ע ר אַ ל ע ז י נ ג ע ר ס . . .

ער פארקלערט זיך טיף, וואס ווייטער צו שרייבן.

פירטע סצענע.

באַטיסטאַ און דזוליעטאַ.

באַטיסטאַ.

בשעת ער גייט דורך צוויי קוסטעס, דערזעט ער א טאבאק-פושקע און הייבט זי אויף.

שש . . . די טאַבאַק-פושקע פון דער באָבע טערעזע. אַז מען זוכט ווייניקער, געפינט מען גיכער. גוט מאָרגן דזוליעטאַ.

דזוליעטאַ.

ערנסט.

שווייג, רייס מיר נישט איבער דעם פאָדעם פון מיינע געדאַנקען. איך מאַך אַן עפּיטאַפיע אויף אַ טויטן.

באַטיסטאָ.

איך האָב אָנגעזאָגט בעפּינען פון פּיעקאַרניע, באַרטעלאָ-מעען, דעם שניידערס זון, און נאָך א סך חברה פון רויטן פּאַרק, אַז זיי זאָלן אין גיכן קומען מיט אַ שוואַרצן פאָן.

דזוליעטאָ.

און ווער וועט זיין דער גלח?

באַטיסטאָ.

דער גלח וועל איך זיין.

דזוליעטאָ.

אין שפּאַס.

איך שטיי צו אייער דינסט, הער היילּיקער! איך וועל זיין דער בורגמיסטער פון שטאָט און וועל האַלטן אַ ריידע.

באַטיסטאָ.

אויסגעצייכנט, הער בורגמיסטער.

דזוליעטאָ.

אַזוי ווי איך האָב געהאַט די הצלחה אייך צו באַגעגענען, הער גייסטלעכער, זייט-זשע אַזוי גוט און הערט דעם עפּיטאַף, וועלכן איך האָב אויסגעקלערט. די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז קיין טויטער קען נישט זיין אָן קיין עפּיטאַף, און אָן עפּיטאַף קען נישט עקזיסטירן אָן קיין טויטן...

באַטיסטאָ.

נעמט אַ ביסל טאַבאַק אין האַנט.

מיר הערן, מיר הערן, הער בירגמיסטער.

דזוליעטאָ.

דאָ ריט אַ קאַנאַרעקל, אַ זינגער איבער אַלע זינגערס.

באַטיסטאָ.

אַן אָנשטענדיקער און ערנטלעכער מענש.

דזוליעטאָ.

דאָס איז אַן איבריקע זאַך: „אָנשטענדיקער און ערנטלעכער".

באַטיסטאָ.

די ווערטער קענט איר באַמערקן אויף אַלע אויפשריפטן פון בית-עולם. איך בין דאָך דער גייסטלעכער, ווייס איך בעסער פאַר אייך, וואָס מען דאַרף שרייבן; נישט דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס אַזעלכע אויפשריפטן צו מאַכן.

דזוליעטאָ.

ווילט איר לערנען מיך, דעם עלסטן פון שטאָט?

באַטיסטאָ.

איך קען דאָך לאַטיין אויך: „עט טראַפפאַלאַ טראַפפאַלאַרום גאַמבערעליס".

טוט א שמעק טאבאק.

דזוליעטאָ.

ווו האָסטו געפונען די פושקע?

באַטיסטאָ.

שטיל, דאָס איז די פושקע פון מיין באָבע טערעזע, וואָס זי זוכט פון נעכט אָוונט אָן. אַט די פושקע קען דינען אַלס טרומנע פאַרן קאַנאַרעקל.

דזוליעטאָ.

וואָס וועט אָבער די באָבע זאָגן?

באַטיסטאָ.

זי וועט גאָרנישט זאָגן, ווייל זי וועט גאָרנישט וויסן. דאָס

וועט זיין אן אויסגעצייכנטע טרומנע. אַפילו פרינצן האָבן נישט קיין טרומנעס פון טשערעפּאַנע־ביין. לאָמיר אָצינד הערן דעם סוף פון עפּיטאַף.

דזוליעטאָ.

דאָ רוט אַ קאַנאַרעק, אַ זינגער איבער אַלע זינגערס. ער איז געבוירן געוואָרן אין שטייג און געשטאָרבן אין שטייג.

באַטיסטאָ.

מ'זן דארף נאָך צוגעבן די ווערטער: „סאַקראַמענדאָ, אינ־פעראַטשענדאָ".

דזוליעטאָ.

וואָס זאָלן באַדייטן די ווערטער „סאַקראַמענדאָ אינפעראַ־טשענדאָ"?

באַטיסטאָ.

איך ווייס אַליין נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז זיי קלינגען זייער גוט, צי דאַכט זיך אייך אויך נישט?

דזוליעטאָ.

זייער פיין! איך האָב אַזאַ אויפשריפט נישט איינמאָל געזען אויף די מצבות.

באַטיסטאָ.

שאַ, שאַ! אָט גייט די גאַנצע באַנדע, און פעפּינאָ, דעם בעקערס זון, פירט מיט זיי אָן.

פינפטע סצענע.

עס קימען ארויף אויף דער סצענע עטלעכע יונגלעך, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך פעפּינאָ; זיי גייען אין א רייע מיט לאַנגזאַמע טריט, און אויף שטיק־לעך האָלץ שפּילן זיי א טרויער־מאַרש. אויף די קעפּ טראָגן זיי טאָוולענע

קאַפּעלושן מיט טרויער־בענדער. אַרויפקומענדיק אויף דער סצענע שטעלן זיי זיך אַלע אין מיטן, צום לעצטן קומט אַרויף באַרטעלאָמעא, אַ לאַנגער, אַ מאָגערער, וועלכער בלאָזט אין אַ לייעק. דערנאָך גייט מאַרוטשיא, דזוליעטאָ אַלס בירגמייסטער און באַטיסטאָ אַלס גייסטלעכער זענען זייער געריהרט, וואָס עס מאַכט די סצענע זייער קאָמיש

באַטיסטאָ.

זיי שפּילן גוט, נישט אמת הער בירגמייסטער?

דזוליעטאָ.

אַלס דאָרפסיונגען שפּילן זיי זייער גוט, טייערער גייסטלעכער.

פּעפּינאָ.

אַלט! כאַפּט דעם אָטעם און באַשיצט אייער אינסטרומענט פון פייכטקייט.

באַטיסטאָ.

גיי אַרויס פאָרויס, הער קאַפּעלמייסטער. איך בין דאָס דער גייסטלעכער.

דזוליעטאָ.

און איך בין דער בירגמייסטער.

פּעפּינאָ.

אין אַ וואָסער מיינונג זענט איר וועגן טרויער־מאַרש?

באַטיסטאָ.

נישט שלעכט, עס איז אַ מוזיק, וואָס מען קען שטאַרבן פון איר, הערנדיק זי.

פּעפּינאָ.

נאָר דער יונגאַטש, וואָס שלעפּט זיך צום סוף צעפּאַטשקעט די גאַנצע מוזיק.

ווייזט אָן אויף באַרטעלאָ. עען.

באַטיסטאָ.

מען דאַרף האָבן געדולד. מען ווערט נישט געבוירן קיין מוזיקאַנט. הערן מוזיקאַנטן! נאָך דער לויה וועלן מיר אייך געבן צו טרינקען פריש און קאַלט וואַסער פון ברונען אַרויס, אויך וועט ווערן פאַר אייך צוגעגרייט אַ ריינער פּאַליטער, טיש. זעט, שפּילט גוט, גייט אין אָרדנונג און אין טריט. (צו באַרטעלאָמעען) ווי רופט מען דיך?

באַרטעלאָמעאָ.

באַרטע . . . באַרטעלאָ . . . באַרטעלאָ . . . מעאָ . . .

באַטיסטאָ.

מען זעט באַלד, אַז ער איז אַ טאַלענטפולער מענש; עס וועט נאָך אַמאָל פון דיר אַרויסקומען אַ באַרימטער שפּילער.

עס קומט אַרויף אויף דער סצענע טאַרוטשיאָ, מיט אַ שוואַרצן שלייער און מיט אַ בוקעט בלומען אין האַנט.

דזוליעטאָ.

שטילער, כבוד! באַערט דעם טרויער! עס קומט די פרוי קאַנאַרעק, די אומגליקלעכע אלמנה.

באַטיסטאָ.

מיט אַ קאָמישע ערנסטקייט.

קום, פרוי קאַנאַרעק, קום אַהער און ווישׁ אָפּ די טרערן פון דיינע אויגן ווירקלעך עס האָט דיך געטראָפן אַ גרויס אומגליק. ווען ער וואָלט נישט געשטאָרבן, וואָלט ער נאָך געלעבט ביז אַצינד. מען קען דיך אָבער טרייסטן מיט דעם, וואָס ער איז געשטאָרבן אויף זיין אייגענעם בעט. באַרעכן דיך נאָר וויפיל אומגליקלעכע פייגעלעך עס ווערן אָפּגעבראָטן אויף דער פּאַטעלניע, געשאָכטן, אָדער פאַלן אַריין אין די מיילער פון די קעץ.

מאַרוטשיאַ.

שיסט אַרויס מיט אַ בעלעכטער און באַדעקט דאָס פּנים מיט אַ טיכל.

דזוליעטאָ.

די טרערן נעמען ביי מיר צו האַלב געזונט; דער טאָג איז דער טרויריקסטער אין מיין לעבן. אין נאָמען פון שטאָט-בירג-מייסטער בין איך געקומען אַהער צו רעדן וועגן די פאַרדינסטן פון באַרימטן קאַנאַרעקל, וועלכעס איז געווען מיין בעסטער שול-חבר. נאָר וואָס זאָל איך רעדן? ווער קען באַשרייבן און אויס-טראַכטן אַזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן האַרמאָנירן מיט די גוטע אייגנשאַפטן פון טויטן? ווער קען נאָכמאַכן זיינע זיסע טרעלן, מיט וועלכע ער פלעגט פריילעך מאַכן די שטוב, דעם הויף, דעם גאָרטן און דעם פּאַרק? ווער האָט בעסער פאַר אים געקענט אַרויסכאַפּן אַ קערנדל פון דער האַנט און איינשלינגען אַ בלעטל פון סאַלאַט? אַך, ח׳ רים, לאָמיר זיך אַראָנעמען אַ מוסר פון דעם און נישט זיין קיין פּאַפּגאַיען אָדער סאָוועס. מיר דאַכט זיך, אַז איך הער עס נאָך אַלץ זינגען אַרום אונז.

צו מאַרוטשיאַן.

„זיין דיך אויס, וויין דיך אויס,
אומגליקלעכע אַלמנה״.

פּעפּינאָ.

נאָך די אויסגעצייכנטע ווערטער פון געערטן בירגמייסטער, ערלויבט מיר, געערטע פרוי, אייך אויסצודריקן, אין נאָמען פון מיין גאַנצן אָרקעסטער, דעם טיפסטן טרויער.

די קינדר שפּילן ווייטער דעם טרויער-מאַרש. דזוליעטאָ און באַטיסטאָ הערן נישט אויף צו טרייסטן מאַרוטשיאַן, מיט אַ קאָמישער פּייע לעכקייט. די מוזיק פאַרענדיקט מיט אַ משונהדיקן סוויסשטש פון באַרטעלאָמעען.

פּעפּינאָ.

גייט צרויס

וווּ באַגראָבט מען דעם טויטן?

דזוליעטאָ.

איך וואָלט געזאָגט, אַז מען זאָל אויסגראָבן לעבן דער סאָסנע.

באַטיסטאָ.

ווייזנדיק די טאבאק פושקע.

אָט דאָס קען זיין אַ גוטע טרומנע.

פעפינאָ.

דאָס איז דאָך די טאַבאַק-פושקע פון דער באָבע טערעזע.

באַטיסטאָ.

שטיל, מיר ווילן זי דורכויס נישט גנבענען; נאָך דער לויה וועלן מיר זי איר אָפּטראָגן מיטן גאַנצן כאָר, אפשר וועלן מיר קריגן פון איר איין סאָלד מיט צוקערקס אַ צולאָג.

אַלע.

לעבן זאָל די פושקע.

באַטיסטאָ.

אַצינד זענט איר שוין אַלע איינשטימיק. איר זענט אַלע ווערט איך זאָל אייך שענק צו שמעקן טאַבאַק. איך בין אייך מכבד דעם ערשטן, הער בירגמייסטער...

דזוליעטאָ.

נעמט אביסל טאבאק.

באַטיסטאָ.

צו פעפינען.

און איר וועט נישט נעמען אַ ביסל ?

פעפינאָ.

פון אַ שמעק טאַבאַק זאָגט מען זיך קיינמאָל נישט אָפּ.

באַטיסטאָ.

און איר יונגוואַרג?

אַלע נעמען צו ביסלעך.

דזוליעטאָ.

אַכטונג! די באָבע טערעזע גייט.

באַטיסטאָ.

קינדער, אַכטונג! זאָגט, אז איר האָט גאָרנישט געזען.

באַהאַלט די פּושקע אין קעשענע אריין.

זעקסטע סצענע.

באָבע טערעזע און די קינדער.

באָבע טערעזע.

קינדער, צי האָט איר אַמאָל נישט געזען מיין טשערעפּאַ-כענע טאַבאַק-פּושקע?

אַלע.

איך נישט.

באָבע טערעזע.

אַ שאָד!

אַלע.

טוען צוזאמען אַ ניס.

באָבע טערעזע.

וועלכע האָט זיך שוין געקליבן אוועקצוגיין, פארשטייט, וואָס דאָ איז זי בלייבט שטיין און חזרט בייזערהייט.

אַ שאָד, אַ שאָד! (שטיל אין אַ זייט) עס האָט זיך זיי נישט איינגע-געבן די ליגנט, זיי האָבן זיך אַליין אויסגעגעבן. (צו די קינדער) און דו

אויך, באַטיסטאָ, זאָגסט, אַז דו האָסט זי נישט געזען אויפֿן וועג צום בית-עולם?

באַטיסטאָ.

ניין (ער גיט א גיס, און באַלד נאָכדעם, איז ער, ווי געצווונגען צו זאָגן)
יאָ, יאָ.

באָבע טערעזע.

ביז רהייט.

צום געזונט.

דזוליעטאָ.

גיסט.

באָבע טערעזע.

צום לעבן.

פעפינאָ.

גיסט.

באָבע טערעזע.

הונדערט יאָר.

אַלע.

גיסן.

באָבע טערעזע.

גאָט זאָל אייך אָפּהיטן, מיינע טייערע קינדערלעך. אויב איך בין באַאומרויקט, איז עס נישט דערפֿאַר, וואָס עס איז מיר אַ שאָד מיין פושקע, נאָר איך האָב מורא, עמיצער זאָל נישט האָבן אַ שמעק געטון קיין טאַבאַק פון דאָרט.

אַלע.

(טוען זיך א וואקל און שטעלן אַן די אויערן.)

באָבע טערעזע.

אפשר געדענקט איר די ציגיינער, וועלכע האָבן מיט אַ צייט צוריק אויפגעשטעלט זייערע ביידלעך אויפן קלויסטער-פּלאַץ?

באַטיסטאָ.

איך געדענק. דאָס זענען געווען העסלעכע, שמוציקע און שוואַרצע מענשן, ווי דער טייוול אַליין.

באָבע טערעזע.

דער טייוול איז נאָך גאָר ניט, די טאָכטער פון טייוול איז נאָך העסלעכער און שמוציקער פאַר אים אַליין ... לאָמיר אַצינד רעדן פון יענע ציגיינער. איר ווייסט מסתּם, אַז יענע שלעפּערס זענען זיך כּשוף-מאַכערס און האָבן אַזאַ פּולווער, וואָס מאַכט גלאַנצן קופּער, וואָס באַגילט פאַרפלישנעוועטע זאַכן, וואָס מאַכט פאַלש געלט. מען זאָגט אויך, אַז זיי האָבן סם. (א באַוועגונג צווישן די קינדער) אַצינד הערט מיך ווייטער אויס. (אַלע רינגלען ארום די באָבע, וועלכע דערציילט ווייטער מיט בולטע פאַרבן) איינמאָל אָוונט-צייט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דער פאַמיליע כאַזאַריע און זיך געלאָזט גיין אין שטוב אַריין. עס איז געווען זייער פינסטער און עס איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצוגיין לעבן טויטן-הויז פון קירכע. ביז אַמאָל האָב איך אין אַ ווינקל דערזען זיצנדיק אַן אַלטע ציגיינערין. קיין העסלעכער באַשעפעניש האָב איך אין מיין לעבן נישט באַגעגנט. די האָר זענען ביי איר געווען צעשויבערט, די נעגל לאַנגע: מיט איין וואָרט, דאָס איז שוין געווען אַ געהעריקער עקזעמפּלאַר. איך האָב געזען, אַז זי וויל זיך צוריקן צו מיר, האָב איר גלייך געמאַכט אַ גוואַלט: — שטעלט אייך אָפּ ... וואָס ווילט איך? — האָב איך געפרעגט — איך „וויל אייך פאַרקויפן אַזאַ פּולווער, וועלכער קען אָפּסמען די לינגען" — גוט, האָב איך געזאָגט, וואַרט ... און ווייל איך האָב מיך נישט געוואָלט צורירן צו דעם פּולווער, האָב איך איר דערלאַנגט מיין טאַבאַק-פּישקע, אין וועל-

כער די ציגיינערן האָט אַריינגעשיט דעם סאָרט טאַבאַק, אויסגע־מישט מיט ערד. איך האָב איר דערנאָך דערלאַנגט אַ פּאָר סאָלד און געזאָגט צו איר — האָסט שוין אַריינגעשיט דיין פּולווער, נעם דאָס געלד און גיי ווייטער. די ציגיינערן איז צופרידענערהייט אַוועקגעגאַנגען, נאָר פאַרן אַוועקגיין האָט זי מיר אָ געזאָגט: זעט, באָבעשי, אַכטונג צו געבן נישט אַ שמעק צו טון דעם טאַבאַק, ווייל דאָרט איז אַריינגעטון אַ דיסטעלירטער דימענט־עקסטראַקט, וועל־כער איז אויסגעמישט מיט מאַלאַבאַרבאַרישן פּולווער, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון טאַסאַבאַרבאַסענע וואָ צלען . . . דאָרט גייען אַריין די שטאַרקסטע סמען, און דער, וואָס שמעקט דאָס, פאַלט אים די נאָז אַראָפּ אין צוויי טאָג אַרום. נאָכן פאַרענדיקן די ווער־טער, איז די אַלטע מכשפה גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש פון דער נאכט. איך האָב נאָך פון דערווייטנס געהערט זי מורמלען אויף אומפאַרשטענדלעך לשון: „מאַלאַ באַלעק פאַלטשיט" א. אז וו. איך בין גלייך אוועק אין שטוב אַריין און באַשלאָסן אוועקצושטעלן דעם געפערלעכן פּולווער אויף אַ זיכערן אָרט דער טייוול האָט אָבער אונטערגעשטעלט זיין פּיסק. שוין נאָענט צו דער שטוב, אָט אויף דעם אָרט, האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיין פּושקע אין אַלע קעשענעס, אויף דער ערד, נאָר איך האָב זי נישט געקענט געפינען. צי האָב איך זי פאַרלוירן ? צי איז דאָס אזא מין כישוף ? אַצינד ביז איך זייער באַאומרויקט דערפון: איך האָב מורא, אז עמעצער זאָל זי נישט געפינען און אַ שמעק טון דעם טאַבאַק . . . איך זאָג דאָס אייך אָן, קינדער, איר זאָלט דאָס וויסן . . . פאַרזיכטיקייט, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט, איז שוין די העלפט פון טויט געראַטעוועט . . . זייט פריילעך, קינדער, צעגייט אייך.

י קינדער קוקן זיך אין די פנימער אַריין איינער דעם צווייטן. עס הערש רויק.

באַטיסטאָ.

איר גלייבט אין דעם באַלבאַרבאַרישן פּולווער ?

דזוליעטאָ.

און די גלייבסט ?

פעפינאָ.

איך וואָלט זייער נישט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אמת.

באַטיסטאָ.

דאָס איז אַ באָבע־מעשה

דזוליעטאָ.

איך פיל, ווי עס קוועטשט מיך עפּעס אין דער נאָז...

פעפינאָ.

שווייג, איך אויך ... איך פיל אַ גאַנצן מאַרעווקע־באַרג אין דער נאָז.

באַטיסטאָ.

דאָס מוז זיין אַ שטאַרקער טאַבאַק.

דזוליעטאָ.

איך האָב מורא, אַז מיר זענען אַלע אָפּגעסמט!

באַרטעלאָמעאַ.

(וויינט).

אופּ... אופּ...

פעפינאָ.

וואָס וויינסטו, נאַר ?

באַרטעלאָמעאַ.

אופּ... אופּ...

באַטיסטאַ.

דו וועסט זאָגן פאַרוואָס דו וויינסט?

באַרטעלאָמעאַ.

איך בין אָפּגעסמט, איך בין טויט.

באַטיסטאַ.

גלייבט נישט אַזעלכע נאַרישקייטן... אָט איז די טאַבאַק-פושקע. דאָס איז פּראָסטער טאַבאַק, נישט קיין מאַלבאַרישער...
אין מיטן רעדן ווערט ער איבערגעשלאָגן פון א גרויסן זיס.

פעפינאַ.

דו ביסט שולדיק, באַטיסטאַ...
ניסט.

אַלע.

ווייבעדיק.

אוף... אוף...

זיבעטע סצענע.

טאָניאַ, די יונגלעך און באָבע טערעזע.

טאָניאַ.

וואָסער קאַצן-מוזיק איז דאָס? צי זענט איר משוגע, וואָס איר צעברעכט מיר אַלע טאָג מיינע בלעטער. (צו באַטיסטאַן) דו ביסט עס דער ראש פון דער קנופּיה. וואָס איז דיר אָבער, וואָס דו זעעסט אַזוי מאָדנע אויס? איך מיין, אַז איר האָט אַלע גע-פישטשעט? איך האָב פון שטענדיק אָן געזאָגט, אַז אייער סוף וועט זיין זייער אַ שלעכטער. איר האָט מיר עפּעס אַלע אַזעלכע רויטע נעזער, פונקט ווי איר וואָלט זיי אָנגעריבן מיט דערנער... אָט דער... (אָנווייזנדיק אויף באַטיסטאַן) דעמס נאָז איז רויטער פאַר אַלעמענס, ווייל ער איז דער ערשטער לאָבוז. דו דאַרפסט מיט

דיין נאָז גיין צו א דאָקטאָר, ווייל זי איז שוין רויט ווי אַ פּאָמי־דאָר... און דו, פּעפּינאָ, האָסט געוויס זיך געראַנגלט מיט אַ קאַץ? און איר, יונגערמאַן, וואָסער שנאָבל! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טייוול? איר זענט מסתּם אַלע פֿאַרכּישופֿט, קינדער. קוקט נאָר אָן באַרטעלאָמעען, וואָסער נ׳אָניע ער האָט! אַך, איר אומגליקלעכע! גייך צום דאָקטאָר... אין שטוב אַריין... לייגט צו מאַלווע אָדער באָראָווע וואַסער... גייך לויפֿט.

אַלע קינדער.

זיי רייבן זיך די נעזער, שנייצן און לויפֿן ארום איבער דער סצענע מיט שרעק.

דאָס איז דער פּולווער פֿון דער ציגיינערן, מיר זענען אַלע אָפּגעסמט, וויי צו אונז!

באַרטעלאָמעאַ.

שרייט העכער פֿאַר אַלע.

אַך! אַך! מו, מו, דאָס איז סם!

גיסט זיך אויס אין א קוסט אריין, לייגט צו די האַנט צום פּנים, און פּונקט ווי עס וואָלט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין זיין נאָז פֿאַרלוירן, זוכט ער זי אין גראָז.

באָבע טערעזע.

אַך, איר אומגליקלעכע, צי איז דאָס אמת, וואָס איך האָב געהערט? איר האָט געשמעקט דעם פּולווער פֿון דער ציגיינערן? גייך טאָניאַ; מען דאַרף נישט דערלאָזן, אַז דער סם זאָל אַריין טיף אין בלוט. אָט איז אַ שטעקן, נעמט אים און יאָגט זיי אַ ביסל אַדורך אין גאָרטן. זעט, אַז זיי זאָלן נישט אַנטשלאָפֿן ווערן (מיט כּעס) די ליגנט איז אַ שטאַרקער סם־המות, די ליגנט איז דער טאָכטער פֿון טייוול.

די קינדער רינגלען ארום די באָבע.

אַלע.

די ליגנט זאָגט איר?..

באָבע טערעזע

ווו איז די טאַבאַק-פּושקע ?

באַטיסטאָ

אָט איז זי . . .

באָבע טערעזע.

קוקט אין דער פּושקע אריין.

אָט, אָט אין מיטן דער פּושקע שטעקט די ליגנט. איר האָט נאָך הצלחה, יונגאַטשעס, וואָס די מעשה מיט דער ציגיינערן האָב איך אַליין אויסגעקלערט, איך צו שטראָפן. אָבער איר זענט אַלע ווערט איר זאָלט אייערע געווער אָנווערן דערפאַר, וואָס איר האָט געוואָלט אָפּנאַרן די אַלטע באָבע

דזוליעטאָ.

איז דאָס אַ ליגנט די מעשה מיט דער ציגיינערן ?

באָבע טערעזע.

יאָ.

פּעפּינאָ.

און עס איז גאָר ניש. אָ קיין מאַלאַבאַרישער פּולווער

באָבע טערעזע.

איז דען מעגלעך עס זאָל זיך געפינען אַ סאָרט דימענט-עקסטראַקט ?

באַטיסטאָ.

מיט פרייד.

קינדער, אז מיר האָבן געקענט זאָגן דער באָבען אַ ליגנט, האָט זי אונז נאָך מער אָפּגענאַרט, אויסקלערנדיק נאָך אַ גרעסערע ליגנט.

אַלע.

אמת, אמת, זעט נאָר וואָס פאַר אַ נאָז די באָבע האָט !

באָבֿע טערעזע.

אויבֿ איך האָב אַפֿילו געזאָגט אַ ליגנט, איז עס דערפֿאַר׳ ווייל אַ ליגנט איז געגלעכנט צו קערשן: איין קערש שלעפּט מיט זיך מיט אַ גאַנץ טוץ. אָבֿער, אויבֿ מיין ליגנט איז געווען אַ שפּאַס, כּדי צו באַשטראָפֿן אַ גאַנצע באַנדע ליגנערס, איז דאָך אייער ליגנט געווען אַ בייזהאַפּטער און אָן אַ שום מאָטיוו. אַ חוץ דעם, דאַרף מען מיט לטע זיין זייער העפֿלעך, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי מאַכן אַמאָל אומאַנגענעמלעכקייטן. ווייטער, איך בין שוין אַן אַלטע, און עס איז מיר שוין זייער ווייניק צייט איבערגעבֿליבֿן ליגנט צו זאָגן, אָבֿער איר זענט דאָך נאָך אַזוי יונג, און אויבֿ איר וועט שוין אַצינד אָנהייבֿן ליגנט צו שיטן, וועט זיך בֿיזן טויט אָנקלייבֿן ביי אייך גאַנצע זעק. צום ערשטן מאָל שענק איך אייך אייער ליגנט און וועל אַפֿילו אייערע עלטערן נישט דערציילן, אָבֿער איר גיט מיר אַ שבֿועה, אַז פֿון היינט אָן דערקלערט איר אַ גוואַלטיקע קריג דער טאָכטער פֿון טייוול.

אַלע.

קריג!

באָבֿע טערעזע.

לאָמיר אַלע צוזאַמען טון דעם נדר.

טאָניאַ.

און איך אויך, באָבֿע טערעזע.

באָבֿע טערעזע.

גיט אַלעמען טאַבאַק.

דאָס איז אַזאַ מין אויפֿריכטיקער טאַבאַק, וואָס נאָכן שמעקן מוז יעדערער זאָגן — יאָ, יאָ, יאָ.

אלע.

(ניסן.)

יאָ, יאָ, יאָ.

באָבע טערעזע.

באַפרייט די קעפ פון שלעכטע געדאַנקען און האַלט זיך ריין און פריילך.

אַלע.

מ ר שווערן.

באָבע טערעזע.

שפילט אייך, מאַכט אייך לוסטיק און געדענקט, אַז אין שלעכטס טון וועט איר קיינמאָל קיין גליק נישט געפינען.

(ניסט.)

אידישע פאלקס שולע
ביבליאטעק
מאנטרעאל